# יידישע קולטור

חודש־שריפֿט פֿונ׳ם
יידישן קולטור־פֿאַרבאַנד
איקוף



שמעון דובנאָוו
1941—1860

סעפּטעמבער־אָקטאָבער
1991
5
53סטער יאַרגאַנג
2:00 דאָלער

## אינהאַלט

פֿון חודש — — — — — א. ג. 3
יידיש שטאַרבט שוין ווידער
באַבי־יאַר — — — — — איציק קיפּניס 6
די באַלאַדע פֿון ייד וואָס איז געוואָרן א מאַנדלבוים — — — י. גור 9
שמעון דובנאָוו — — — — — סטעפֿאַן בערגמאַן 10
לידער — — — — — אָסיפּ מאַנדעלשטאַם 17
(יידיש — מ. ליטווין)
מאַרק שאַגאַל (פּאָעמע) — — — — — אהרן קורץ 18
די דייטשמערישע געפֿאַר איז־אויס — — — — — הירשע־דוד קאַץ 24
אַ בריוו — — — — — אברהם ליס 31
אונדזער אַנטאָלאָגיע — — — — — י. צ. שאַרגעל 32
מחשבֿות אַרום סוצקעווערס פּראָזע — — אליעזר פּאָדריאַטשיק 35
לידער — — — — — מאיר חרץ 38
לידער — — — — — הינדע זאַרעצקי 39
פּסח נאָוויק — 1991־1891 — — — — — איטשע גאָלדבערג 40
ביים שקיעה־אַקער (המשך) — — — — — עלי שעכטמאַן 44
אין רבינס הויף — — — — — ש. סימכאָוויטש 54
יהושע ראַפּאַפּאָרט — — — — — מ. אייזענבוד 59
פּראָטעסט פֿון ווילנער יידן — — — — — 61
פֿאָרש־אינסטיטוט פֿון בונד — — — — — 62
רוף פֿון זשיטלאָווסקי פֿונדאַציע — — — — — 64

# אַ שטעקעלע אַרײַן, אַ שטעקעלע אַרויס, די דײַטשמערישע געפֿאַר איז — אויס

● פֿון הירשע־דוד קאַץ/אָקספֿאָרד

פֿאַראַן בײַ ייִדן אַן אַלטע טראַדיציע, אַז אַפֿילו, ניין — ספּעציעל — אויף אַ ספֿר פֿון אַ גדול הדור דאַרף מען פֿרעגן קשיות: אַנדערש וואָלט דאָך דער גר״א ניט געהאַט וואָס מקשה צו זײַן אויפֿן רמ״א, דער רמ״א וואָלט דאָך ניט געקענט פֿרעגן אויף ר׳ יוסף קאַראָ, ער ווידער וואָלט ווײַטער ניט געגאַנגען איידער דער בעל־הטורים.

אַקעגן וואָס גייט דאָ די רייד, אַקעגן אַ געוויסן צוגאַנג צו ייִדיש, אַ צוגאַנג וואָס זאָגט ברמיזא אַז „דאָס לעצטע וואָרט" אין דער פּרשה „ליטעראַריש ייִדיש" — צי בעל־פּה צי בכתב — איז אוריאל ווײַנרײַכס ווערטערבוך[1]. אוריאל ווײַנרײַך איז צווישן די גרעסטע ייִדישע (און אַלגעמיינע) לינגוויסטן געווען. דער ווערטערבוך איז אַרויס אין 1968, באַלד נאָך זײַן טויט אין 1967 (ער איז נאָך ניט אַלט געווען קיין גאַנצע 41 יאָר). אוריאל ווײַנרײַכס אַרבעטן איבער ייִדישער און אַלגעמיינער דיאַלעקטאָלאָגיע, צווייִשפּראַכיקײַט, סעמאַנטיק און איבער דער טעאָריע ווי אַזוי שפּראַכן בײַטן זיך, זענען כמעט אָן אויסנאַם געבליבן קלאַסישע ווערק פֿון דער לינגוויסטישער ליטעראַטור אין 20סטן יאָרהונדערט, מ׳לייענט און מ׳שטודירט זיי אין אוניווערסיטעטן אין אַלע עקן וועלט. זײַן גרעסטער אויפֿטו איז זיכער דער „ייִדישער שפּראַך־און קולטור־אַטלאַס", וואָס דאַרף נאָך ערשט אַרויסגיין. ער האָט אַפֿילו באַוויזן אָנשרײַבן אַ געניאַלע אַרבעט וואָס דאַרף דינען אַלס אַרײַנפֿיר צום „אַטלאַס" — זײַנע „ראשי פּרקים"[2].

אַז דער ווערטערבוך פֿאַרמאָגט אָן אַ שיעור טאַלאַנט און בקיאות אי אין זײַן סטרוקטור, אי אין זײַן לעקסיקאָלאָגישן אינהאַלט, איז אַ זיכערע זאַך. איך גיי זיך אַמפּערן מיטן צוגאַנג צו דער ייִדישער סטיליסטיק וואָס אין ווערטערבוך, און וואָס פֿאַראַ רעזולטאַטן ס׳האָט גורם געווען דער צוגאַנג אין משך פֿון די עטלעך־און־צוואַנציק יאָר פֿון זינט ס׳איז אַרויס. דאָ דאַרפֿן באַלד אויף אַן אָרט קומען צוויי הערות. כאָטש ער האָט געשריבן אַ סך ווייניקער ייִדיש ווי ענגליש איז דאָס ייִדיש אין אוריאל ווײַנרײַכס אייגענע אַרבעטן גאָר אַן אַנדער ייִדיש איידער דאָס ייִדיש וואָס ווערט רעקאָמענדירט אין ווערטערבוך, אַ סימן אַז צו דער שיטה וואָס אין ווערטערבוך איז ער געקומען ממש באחרית ימיו. און צווייטנס דאַרף מען כסדר האַלטן פֿאַרן אויג אַז דער ווערטערבוך איז אַרויס ערשט נאָך זײַן טויט.

קיין גרעסערער אומכּבֿוד פֿאַר אוריאלן קען ניט געמאָלט זײַן, ווי דאָס באַנעמען די גרונטפֿראַגן פֿון ייִדישער סטיליסטיק ווי אָפּגעפּסקנטע שאלות, ווי פֿאַרגליווערטע מעשיות פֿון אַמאָל.

* * *

וועגן דעם באַגריף „דײַטשמעריש" קען מען שרײַבן גאַנצענע בענד (פֿאַראַן אַפֿילו מענטשן וואָס ווידמען זייער לעבן דעם ענין). אַלע ווייסן אַז אַ גרויסער חלק פֿון ייִדיש שטאַמט פֿון אַמאָליקע דיאַלעקטן פֿון מיטל־הויך־דײַטש. אָט למשל זענען די ייִדישע ווערטער „האַנט", „טיש", און „נעכטן" פֿון גערמאַנישן אָפּשטאַם. אין ייִדיש זענען דאָס אָבער ייִדישע ווערטער, פּונקט ווי אויף ענגליש זענען די פּאַראַלעלע ווערטער ענגלישע ניט געקוקט אויף דעם פֿון וואַנעט זיי שטאַמען. אָט די פּשוטע דערקענטעניש האָט בײַ אונדז צוליב סאָציאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע סיבות

1) אוריאל ווײַנרײַך, מאָדערן ענגליש־ייִדיש ייִדיש־ענגליש ווערטערבוך, מעגראָ היל און ייִוואָ: ניו־יאָרק 1968.

2) אַ נוסח דערפֿון דאַרף דערשײַנען אין קומעדיקן באַנד ייִוואָ בלעטער.

אונטערגעהונקען מיט שיינע עטלעכע דורות, ביז דער גאון און בויער פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע, בער באָראָכאָוו, האָט אין זײַנע „אויפֿגאַבן פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע", אין 1913, דערקלערט דעם ענין מיט איין פּשוטן זאַץ, כּדרך הגאונים: „דײַטשע, העברעיִשע, סלאַווישע עלעמענטן, באַלד ווי זיי זענען אַרײַן אין דער פֿאָלקס־שפּראַך, הערן אויף צו זײַן דײַטש, העברעיִש, סלאַוויש, — זיי ווערן אָן זייער פֿריערדיקן פּרצוף און נעמען אָן אַ נײַעם: ווערן ייִדיש"[3].

נאָר וואָס, הונדערטער און הונדערטער יאָרן זענען געווען ייִדן וואָס האָבן זיך געסטאַרעט „באַפּוצן" זייער ייִדיש מיט ווערטער און פֿאָרמען פֿון דעם דײַטש פֿון זייער תּקופֿה אָנשטאָט מיט די געירשנטע, פֿון־אַלעמען־באַנוצטע ייִדישע ווערטער. אַמאָליקע קריסטלעכע פֿאָרשער פֿון ייִדיש האָבן זיך אָפּגעשטעלט דערויף. דער באַזעלער אָריענטאַליסט יאָהאַן בוקסטאָרף (דער פֿאָטער) האָט באַמערקט אין 1609 אַז „די ייִדן מיט אַ ביסל מער דערציִונג באַמיִען זיך צוצופּאַסן זיך צו דער דײַטשישער שפּראַך"[4]. דער ערשטער מומחה איבער דער ייִדישער ליטעראַטור, י.ק. וואַגענזײַל האָט אין זײַנס אַ ווערק אָנגעוויזן אין 1699 אַז דער ייִדישער פּרעפֿיקס דער— ווערט אין „נײַערע ביכער" פֿאַרביטן אויף ער[5].

ערשט אין נײַנצנטן יאָרהונדערט, קודם דורך דער השׂכּלה און שפּעטער דורך די סאָציאַליס־טישע און ציוניסטישע באַוועגונגען, איז אָבער געוואָרן אַ מגיפֿה: אונדזערע אינטעליגענטן האָבן גענומען שעפּן עמערס ווערטער, פֿאָרמען,

3) בער באָראָכאָוו, „די אויפֿגאַבן פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע" אין ש. ניגער (רעד'), דער פּנקס. יאָהרבוך פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און שפּראַך, פֿאַר פֿאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפֿיע, ב.א. קלעצקין: ווילנע 1913, ז' 9.

4) Johann Buxtorf, Thesaurus grammaticus linguae sanctae hebraeae, Conrad Waldkirch: Basel 1609, p. 652.

5) Johann Christof Wagenseil, Belehrung der JudischTeustchen Red und Schreibart, Paul Friedrich Rhode: Koningsberg, 1699, p. 87.

קאָנסטרוקציעס פֿון דעם נײַעם ליטעראַרישן דײַטש, און פֿון „גאַס" איז געוואָרן „שטראַסע", פֿון „מויל" איז געוואָרן „מונד" און פֿון „לבֿנה" איז געוואָרן „מאָנד". די ייִדישע פּרעסע פֿון יענער עפּאָכע טראָגט פֿאַר אונדז הײַנט כּמעט אַ צירק הומאָר מיט זײַן שפּראַך. אַז דער לאָנדאָנער „אַרבײַטער פֿרײַנד" למשל האָט אין 1903 געוואָלט געבן די לייענער צו פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס די צאָל זײַטן איז קלענער געוואָרן האָט די רעדאַקציע געמאָלדן: „מיר האָפֿען דאַרום, דאָס די לעזער, וועלכע קויפֿען דעם אר.פֿר. אַלע וואָך, וועלען אים אויך דיזע וואָך קויפֿען און צאָהלען די פּעני ווי אימער"[6].

ניט נאָר די פּרעסע נאָר אויך די ביליקערע פּאָפּולערע ליטעראַטור, מיט דיקן און שמר'ן בראש, האָבן אַרײַנגעפֿירט אַ גאַנצן סטיל ייִדיש, אַ סטיל וואָס שלום עליכם האָט אָנגערופֿן „מהיכא תּיתי דײַטש",[7] און וואָס דאָס פֿאָלק האָט דערויף געהאַט אַ גוזמא נעמען, צווישן זיי „דײַטשמעריש", „באַרדיטשעווער דײַטש", „קאָנגרעס־דײַטש".

דער צושטײַער פֿון דעם ענין „דײַטשמעריש" אין אונדזער קולטור־געשיכטע פֿון די לעצטע קאַרגע צוויי הונדערט יאָר איז אַ טשיקאַווער. איז לאָמיר האָפֿן אַז אַ טאַלאַנטירטער שפּראַך־און קולטור־פֿאָרשער וועט זיך נעמען דערצו, און שטודירן לפּחות דעם מעמד פֿון דעם באַגריף אין אונדזער נײַער ליטעראַטור. אַז באַשעוויסעס, ז"ל, ר' משולם מושקאַט טרעפֿט זיך צום ערשטן מאָל, בײַם ברונעם אין קאַרלסבאַד, מיט דער פֿרוי וואָס גייט ווערן די דריטע ווײַב זײַנע, כאַפּט ער מיט איר אַ שמועס, „פֿריער אין דײַטשמעריש און דערנאָך — אויף מאַמע לשון"[8].

* * *

פֿון דעם מבול נײַע ווערטער, וואָס זענען צו

6) דער אַרבייטער פֿרײַנד, 28 אויגוסט 1903, ז' 1.

7) אין זײַן שמרס משפּט, 1888, ז' 82.

8) יצחק באַשעוויס, די פֿאַמיליע מושקאַט, ערשטער באַנד, נ"י 1950, ז' 20.

ייִדיש דערגאַנגען דורך איבערנעמען פֿון דײַטש ערשט אין נײַנצנטן יאָרהונדערט, זענען פֿאַראַן ניט נאָר „דיזער" און „אימער", פֿאַראַן אויך אַ וועלט מיט ווערטער און פֿראַזן וואָס זענען שוין — נוצנדיק באָראָכאָווס טערמין — געוואָרן ייִדיש, און זייער דין איז: „תורה אחת יהיה לאזרח ולגר הגר בתוככם"[9], וואָס דערויף מאַכט יהואש: „איין געזעץ זאָל זײַן פֿאַר דעם אײַנגעבאָרענעם און פֿאַר דעם פֿרעמדן וואָס האַלט זיך אויף צווישן אײַך"[10]. דעם אמת געזאָגט איז דאָ ניט נייטיק צו ברענגען אַזאַ אָנשפּאַר מחמת די „גרים" האָבן זיך דאָ „אײַנגעבירגערט" אויף אַזויפֿיל, אַז מ'ווייס גאָרניט בײַם ריידן ייִדיש אַז די ווערטער זענען אַנדערש פֿון אַלע ייִדישע ווערטער פֿון אַ גאַנץ יאָר. אָט למשל, די ווערטער „אַרבעטער", „טאָלעראַנץ", „ליטעראַטור", „מוזיק", „פּראָבלעם", „פֿראַגע", „צײַטונג", „קוואַליטעט", „קונסט", „קינדער־גאָרטן", „שפּראַך", זענען אַלע אַרײַן אין ייִדיש ערשט אין נײַנצנטן יאָרהונדערט און גענומען האָט מען זיי דעמאָלט פֿון דײַטש. איז וועמען אַרט עס? בלויז דעם פֿילאָלאָג, וואָס וועט דאָ פֿעסטשטעלן אַ נײַ־הויך־דײַטשישן עלעמענט, וואָס לעבט שוין איבער הונדערט יאָר בהאַרמאָניע מיטן גערמאַנישן קאָמפּאָנענט אין ייִדיש וואָס איז אַלט אַן ערך טויזנט יאָר.

אָן „שפּראַך" און אָן „טאָלעראַנץ" איז מען אויף ריכטיקע צרות, נאָר וואָס, די שיטה פֿונעם עקסטרעמען „פּוריזם" וואָס ס'שטעלט מיט זיך פֿאָר דער ווערטערבוך, נעמט הונדערטער און הונדערטער אַנדערע ווערטער, וואָס זענען אַרײַן אין ייִדיש ערשט אין נײַנצנטן יאָרהונדערט, און וואָס ווערן גענוצט סײַ דורך ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר, סײַ דורך אונדזערע בעסטע שרײַבער, און נעמט זיי „פּסלען". אין ווערטערבוך זענען פֿאַראַן צוויי „סימנים", אַ ● וואָס באַצייכנט „אַ ספֿק צי דערלאָזלעך אין דער כּלל־שפּראַך" און רחמנא ליצלן, אַ ▼ וואָס באַצייכנט „ניט־דערלאָזלעך אין דער כּלל־שפּראַך"[11].

אָט איז אַ רשימה פֿון ווערטער אַזעלכע, וואָס טראָגן אין ווערטערבוך איינעם פֿון די סימבאָלן פֿון „פּגם", וואָס מיר האַלטן פֿאַרקערט אַז זיי זענען הײַנט גוטע ייִדישע ווערטער, אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע ייִדישע ווערטער:

אויבערפֿלעכלעך, אויגנבליק, אויסדריקן, אויסוויילן, אויסזיכט, אויסנאַם, אויסער, אויסער דעם, אויסערלעך, אויסערן, אויסשפּראַך, אויפֿגאַבע, אויפֿגעבן, אויפֿגערעגט, אויפֿמערקזאַם, אויפֿריכטיק, אויפֿרעגן זיך, אומבאַדינגט, אומגעפֿער, אומדערהערט, אומזין, אומענדלעך, אומפֿאַרשטענדלעך, אונטערבאַוווסטזיניק, אונטערדריקונג, אונטערזוכונג, אוראַלט, איבונגען, איבערראַשונג, אייגנאַרטיק, אייגנטלעך, אייגנשאַפֿט, אײַנדרוק, איינזאַם, איינציקע, אײַנלאַדן, אײַנפֿלוס, אין אַלגעמיין, אינערלעך, אַלס, אָנונג, אַנטדעקן, אַנטשולדיקן (זיך), אָנשטענדיק, אָנשליסן זיך, אַרויפֿצווינגען, באַאײַנפֿלוסן, באַגיין, באַגרײַפֿן, באַדײַטונג, באַדײַטן, באַדינונג, באַהערשן, באַזוכן, באַזוכער, באַזיגן, באַטאָנען, באַערן, באַצווינגען, באַרירן, באַשטאַנדטייל, באַשלוס, בײַלאַגע, בײַשפּיל, בינע, בירגערקריג, גאָטלאָז, גוטהייסן, גיפֿט, גלאָררײַך, גלײַכבאַרעכטיקט, גלײַכגעוויכט, גלײַכצײַטיק, געבורטסטאָג, געביט, געהאַלט, געהיים, געוואַגט, געווינהײַט, געלונגען, געפֿאַר, גראַדע, גרויזאַם, גרינדן, גרינדער, גרינטלעך, דאַן, דאַנקבאַר, דאָפּלט, דורכזיכטיק, דורשט, דערוואַרטן, דערוויילן, דערליידיקן, דערמאָרדן, דערמוטיקן, דערנידעריקונג, דערפֿאָלג, דערפֿאַרונג, דערפֿינדונג, דערשטוינונג, דערשיטערונג, דערשײַנונג, דרוקפֿעלער, האַנדלונג, האַנטשריפֿט, האַס, האָפֿענונגסלאָז, הימלאָז, הײַנט צו טאָג, הילפֿלאָז, העסלעך, העפֿלעכקײַט, הערשן, וואַגן, וואַרע,

9) שמות יב: מט.

10) תורה נביאים וכתובים עם תרגום יהואש, יהואש פֿאַרלאַג געזעלשאַפֿט, ניו־יאָרק, תש״א, ז׳ 110.

11) ז׳ LX.

ווּנטש, ווידמונג, ווידערשטאַנד, ווײַטזיכטיק, ווירקלעכקײַט, וועכנטלעך, ווערטפֿול, זאַרגלאָז, זיג, זילב, זעלבסטמאָרד, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, טויפֿן, יידנטום, יעדנפֿאַלס, לאַגע, לייזונג, לײַכטזיניק, לעכערלעך, מאָרדן, מוט, מוטיק, מיטלמעסיק, מעסיק, מערהײַט, מערץ, נאָכפֿאָלגן, נידערטרעכטיק, נייגונג, ניצלעך, עטוואָס, ענד, ענדגילטיק, ענדערונג, עקל, פּראָפּאָרץ, פּרעכטיק, פֿאָלקסטימלעך, פֿאַראַכטונג, פֿאַראַנטוואָרטלעך, פֿאַרבאָט, פֿאַרגאַנגענהײַט, פֿאָרגייער, פֿאַרדאַכט, פֿאַרדאַמען, פֿאַרדעכטיק, פֿאַרהעלטעניש, פֿאָרוואָרט, פֿאַרווונדן, פֿאַרוויסטן, פֿאַרווירקלעכן, פֿאָרזיכטיק, פֿאַרלויף, פֿאַרלוסט, פֿאָרם, פֿאַרנאַכלעסיקן, פֿאַרניכטן, פֿאַרענדערונג, פֿאַרעפֿנטלעכן, פֿאַרפֿליכטן, פֿאָרקומען, פֿאַררעטער, פֿאַרשווינדן, פֿאָרשלאָגן, פֿלאַנץ, פֿליכט, פֿליסן, פֿריצײַטיק, צאָלרײַך, צווײַדײַטיק, צווייפֿל, צוועקמעסיק, צוזאַמענהאַנג, צויבער, צוקונפֿט, צוריקגעהאַלטן, צושטאַנד, ציגאַרעט, צײַטווײַליק, קורצזיכטיק, קין, קינדהײַט, קירך, קלעטערן, קעגנזײַטיק, קלענער, קריסטנטום, קרעפֿטיק, רוים, רונד, רײַזע, רײַף, רעטונג, רעטער, שאַנדע, שוואַנגערן, שוישפּילער, שולוועזן, שוץ, שטאַנדפּונקט, שטאָק, שטוינען, שטילשטאַנד, שילדערונג, שילדערן, שילער, שלאָפֿלאָזיקײַט, שריט, שריפֿטשטעלער.

* * *

מאַכן אָט די רשימה אַ סך לענגער איז ניט שווער, איך מיין אָבער אַז דער לייענער האָט שוין אַן אָנונג: דער ווערטערבוך „באַוואָרנט“ דעם „באַנוצער“ קעגן אָט די ווערטער, דאָס זענען ווערטער מיט „אַ פּגם“. אַפּנים, ווער ס׳וויל ריידן און שרײַבן שיין ייִדיש דאַרף זיי האַלטן פֿאַר טריף־פּסול, פֿאַר מוקצה מחמת מיאוס.

אמת, פּונקט ווי בײַ אַלע אַנדערע ווערטער, זענען דאָ אַזעלכע וואָס פּאַסן זיך בעסער צו געוויסע סטילן פֿון ייִדיש. אַ סך פֿון די ווערטער וואָס זענען אַרײַן אין ייִדיש ערשט אין נײַנצנטן יאָרהונדערט זענען ווערטער פֿון עסעייִסטיש צי פֿון זשורנאַליסטישן סטיל, פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן און קולטורעלן לעבן. דער יחיד האָט דאָ די ברירה אַזאַ סטיל אָנצונעמען אָדער אויסצומײַדן לויט זײַן פֿאַרשטאַנד און פּערזענלעכער פּרעפֿערענץ.

דורך „אַרויסוואַרפֿן“ אַזעלכע ווערטער ווערט ייִדיש אָן אַ שיעור אָרעמער. דער פּאָעט האָט שוין ניט דעם קאָנטראַסט צווישן טאָגטעגלעכן „סוף“ און דעם זעלטענעם „ענד“; דער זשורנאַליסט קען שוין ניט מבֿחין זײַן צווישן תּלמידים, סטודענטן און שילער; דער קריטיקער קען שוין ניט באַשרײַבן אַ „געוואַגט“ בוך, און דעם מענטשן פֿון אַ גאַנץ יאָר קען פּאַסקודסטווע שוין ניט „עקלען“. אַכלל, מ׳קען שוין ניט ריידן, מ׳קען שוין ניט שרײַבן, מ׳דאַרף נעמען ציטערן אַז אונדזערע ווערטער זענען בעלי־מום, אַז מען וועט אונדז האַלטן פֿאַר „דײַטשמעריסטן“.

טויזנטער איידעלע נואַנסן גיבן צו צו ייִדיש גוואַלדיקע כּוחות אויף אויסדריקלעכקײַט און פּינקטלעכקײַט, אַ כּוח, אַן עשירות, וואָס איז איינער פֿון די סאַמע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון ייִדיש. די באַרײַכערונג פֿון ייִדיש דורכן נײַהויכדײַטשישן עלעמענט איז אין לשער און ס׳איז כּדאַי אַ פֿאָרשער אָן פּניות זאָל זיך נעמען דערצו. נעמט אײַך למשל דעם חילוק אין נואַנס צווישן דור־דורותדיקן „זיך נעמען דאָס לעבן“, דעם לשון סגי־נהור „זיך אָנטאָן אַ מעשה“, דעם טייל מאָל סאַטירישן „זיך אָנטאָן אַ טויט“ און דעם נייטראַל־באַשרײַבערישן „באַגיין זעלבסטמאָרד“, וואָס איז ספּעציעל צוגעפּאַסט פֿאַר דער פּרעסע, פֿאַר דער היסטאָריאָגראַפֿישער ליטעראַטור וכּדומה אַזעלכע סטילן.

נעמט באַטראַכט די סטיליסטישע און סעמאַנטישע נואַנסן וואָס צווישן: „חלום“ — „טרוים“, „נסיעה“ — „רײַזע“; „פּײַנט האָבן“ — „האַסן“; „רובֿ“ — „מערהײַט“; „ייִדן“ — „יידנטום“, „געגליכן“ — „ענלעך“, „על פּי רובֿ“ — „מערסטנטייל“; „קערן די גאַל“ — „עקלען“, „סכּנה“ — „געפֿאַר“.

אַז דער שפּראַך־היסטאָריקער באַטראַכט „עלנט" און „איינזאַם" איז איינס אַלט, איינס יונג: פֿאַרן שפּראַך־פּוריסט איז איינס כּשר, איינס טרייף: פֿאַר דער שפּראַך גופֿא אָבער זענען דאָס צוויי ווערטער שכנטעס וואָס לעבן זיך בשלום. פֿאַרגלײַכט למשל „ער איז עלנט ווי אַ שטיין" און „נעם זײַ זיך מישבֿ אין אַן איינזאַמער שעה". טוט אַ קוק דעם חילוק צווישן „עס דאָס ניט, ס'איז סם" און „היט זיך פֿאַר איר, זי איז גיפֿט".

אויך דאָרטן ווו די נואַנסן זענען ווייניקער פֿאַראַן ווערט מען פֿאַראָרעמט דערמיט וואָס מ'האָט מער ניט קיין ברירה, מ'דאַרף כּסדר איבערחזרן דאָס זעלביקע וואָרט.

דאָס זענען אָבער אַלץ „לאָגישע" אַרגומענטן וועגן די ווערטער גופֿא און דעם אמת זאָגנדיק, איז די לאָגיק דאָ ניט שייך. דער עיקר איז: די ווערטער וואָס דער ווערטערבוך „פּסלט" עקסיסטירן, ניט בײַ די אַמאָליקע דיקס און שמרס נאָר בײַ כּמעט יעדן ייִד וואָס רעדט אָדער שרײַבט ייִדיש, בתוכם בײַ אַ גאַנצער ריי גרויסע ייִדישע שרײַבער.

אַז אײַך געפֿעלט ניט אַ וואָרט, טאָ נוצט ניט. די ראָלע פֿון אַ ווערטערבוך איז אָבער איבערצוגעבן דאָס וואָס עקסיסטירט, ניט צוקלערן אַ בילד ווי אַזוי דער ווערטערבוך־שרײַבער ווי̇ל די שפּראַך זאָל אויסזען. בײַ טייל ווערטער קען מען צוגעבן סטיליסטישע אָנווײַזונגען („זשורנאַליסטיש", „פּאָליטיש" און אַנדערע), אָבער זאָגן דעם באַנוצער, און בפֿרט דעם תּלמיד: „נאַ דיר, ווילסט זײַן אַ מענטש, וועסטו ניט נוצן אָט די אַלע ווערטער", דאָס איז קיין גאַנג ניט.

* * *

די צרות הייבן זיך אָבער ערשט אָן. דאָרטן ווו מ'פּסלט אַ וואָרט און קיין גענויער עקוויוואַלענט זעט זיך ניט פֿון ווערטער מיט אַן עלטערן יחוס־בריוו, נעמען אונדזערע „פּוריסטן" און האַלטן עס פֿאַר זייער הייליקער אויפֿגאַבע צוצוקלערן ווערטער. דאָס האָבן זיי דאָס פֿולע רעכט צו טאָן אין ספּעציאַליזירטע פּובליקאַציעס וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר זייער שיטה, ווי אַשטייגער אין זשורנאַל „ייִדישע שפּראַך" וואָס דער ייִוואָ גיט אַרויס, צי אין „אויפֿן שוועל", וואָס ווערט רעדאַקטירט פֿונעם אָנגעזעענעם געלערנטן ד"ר מ. שעכטער.

גאָר אַן אַנדער מעשׂה איז עס ווען אַ סטודענט, צי אַ ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר, זוכט אַ וואָרט אין אַ ווערטערבוך און אָן קיין שום סימן, ווערן געבראַכט אויסגעקלערטע ווערטער כּאילו זיי זענען אמתע ווערטער וואָס עמעצער נוצט זיי. די אַלע „נעאָלאָגיזמען" ווערן אין ווערטערבוך געבראַכט אָן קיין שום וואָרענונג, אָן קיין שום אָנווײַזונג אַז דאָס זענען מער ניט „פֿאָרשלאַגן". צווישן די ווערטער פֿון דער הפֿטורה וואָס מ'געפֿינט בײַ ווײַנרײַכן (טייל מאָל אויף צו פֿאַרבײַטן די געפּסלטע „דײַטשמעריזמען", טייל מאָל ווײַל מ'האַלט אַז מ'דאַרף אויף ייִדיש טעכנישע טערמינען אויף ווי מ'פֿאַריכט ראָקעטן און אויטאָמאָבילן), זענען אָט למשל וועלכע:

אַהין־קריק־פֿאָר, אויסנעם, אויסקומיקײַט, אויפֿבלעכלער, אויפֿשטערצלער, אומאײַננעמיק, אומטיילִיק, אומפֿאַרשטייעניש, אומצדדימדיקײַט, אונטערוויסיק, איבערמאָסיק, אייבערשטאַטיש, אינטעליגענץ־וויפֿלער, אינסטרויִרן, אַליין־אויסקום, אַליין־באַדינונג, אַלצוויסיק, אַנטידלות־פּראָגראַם, אַנטיקערפּער, אָנקידושינדיק, אָנתּנאַייִק, אַראָפּשטאָט, אַרײַנפּאָסט, אַליינמאָרד, אַמטיק, אַמטפֿאַרנעם, אָנאויפֿהערדיק, אָנהיימיק, אָנציליק, אָנקנעפּלדיק, אַנשטאָטיק, אָפּרופֿיק, אַרויסקום, באַדין־סטאַנציע, באַמענטשן, באַשטייִק, בײַזײַיִק, ברעכיק, גאַנצדיליקער טעפּעך, גלײַכפֿאָרמיק, גלײַכרעכטיק, געגבֿול, געגנטיק, געוויסיק, געזעלשאַפֿטיק, געהייס, געלטיק, געענג, געקלעפּ, געקשאַק, דינגאָפּמאַך, דיססאָציִירן, דערגאַנציק, דערפֿינטלען זיך, הינטערשטאָטיק, המצאהוואַרג, העקפֿיר, וואָכיק, ווייטיקדיק, וויסיק, וויסיקײַט, זשאַבעניק, חוצחושיק, חוצפּראָגראַמיק, חילול הזיווג, זעלצערקלייטל, טעמפּ־אײַנשטעלער, טראָג־פֿאַרהיטונג, טרינק־

רער, טרענירונג, טרענירן, טשעקקאָנטע, כוואַלי־עלענג, לאַנגמשכדיק, לעצטמאָדיש, מוזדינסט, מיש־זיווגים, מעדפֿאַרזאָרג, נאָכדעמדיק, נאָכקומ־לינג, סאָצפֿאַרזיכער, סוקצעס, סטילפֿיגור, סך־ציליק, עטלעך־ציליק, עלעקטרײַ, ערשטיאָר־לערס, פֿאַלש־געדראַנג, פֿאַרבײַיִק, פֿאַרבײַטיק, פֿאַרברעכיק, פֿאַרדראָסיק, פֿאַרדעמדיק, פֿאַר־שטעקל, פֿאַרשטייִיק, פֿרײַהײַטאָפּנעם, צווישנ־אמונהדיק, צווישנדל, צושטייִיק, צײַטפֿאַרברענג, צניפֿיש־אַלצווייסעריש, צעפּרטלונג, קאַליעווער־עוודיק, קאָמאַטאָזער מצבֿ, קאָנטאַקטלינדז, קאָנ־טראָלירקע, קונסטמיסט, קרומבאַניץ, קרומגעד־ראַנג, קריקאָנלאָדלעך, ראַקיק, ראַקעטערײַ, רוצימער, שאַציק, שטאָטאויסצי, שטאָטאַנטוויקל, שטאָטבאַנײַ, שטוביקונג, שטײַערקלאַס, שיצבלעך, שניטקע, שפּריצברעט, שרפֿה־מעלדער, תּל־כּוח.

ווער ס'וויל קען אויך דאָ מאַכן די רשימה אַ סך לענגער. כּײַ וואָלט דער ווערטערבוך האָבן עפּעס אַ סימנדל, אַ ❄ צי אַ ✳ צי אַפֿילו גאָר אַ ✈ אויף צו ווײַזן אַז דאָס זענען „פֿאָרשלאַגן" („פֿיר־לייגן" ווי די פּוריסטן פֿאַרלאַנגען)? אָט, למשל, האָט ראובֿן אלקלעי אין זײַן העברעיִש־ענגלישן ווערטערבוך געשטעלט אַ שטערנדל לעבן יעדן נײַעם וואָרט וואָס ער האָט אַליין מחדש געווען[12]. אַזוי אַרום ווייס דער באַנוצער אַז דאָס איז אַ נעאָלאָגיזם.

וואָס טוען אָבער אונדזערע „פּוריסטן"? קלערן צו „אַליינמאָרד". ס'איז טאַקע אַ שיינער טעאָרעטישער אײַנפֿאַל, אַרויסוואַרפֿן דעם „זעלבסט" און אַרײַנפֿירן אונדזער אוראַלט וואָרט „אַליין". וואָס זאָל מען אָבער טאָן אַז קיינער רעדט ניט אַזוי, אַז בלויז אַ האַלבער מנין שפּראַך־פּוריסטן שרײַבן אַזוי? קיין ווערטערבוך אין דער וועלט טאָר ניט אָפּטאָן אַזאַ אומיושר דעם אמת.

* * *

דורכן „פּסלען" ווערטער וואָס אַלע נוצן, און אָנגעבן בשעת מעשׂה אָן באַוואָרענישן נײַע ווערטער אַרויסגעשאָקלטע פֿון אַרבל, וואָס אַן ענגער קרײַז פּוריסטן האָבן בחדרי־חדרים אויסגעטראַכט, גיט דער ווערטערבוך אַ ניט ריכטיק בילד פֿון ייִדיש. איז וואָס טרעפֿט מיט סטודענטן אין די אַלע קורסן ווו דער לערער לערנט לויטן ווערטערבוך? זיי ווערן געשטרויכלט אויף אַ גאַנצער ריי אופֿנים.

אַז זיי טרעפֿן זיך מיט אַ מענטש וואָס רעדט ייִדיש, באַווײַזט זיך זיי אַז דאָס וואָס זיי האָבן געלערנט איז פּשוט ניט ריכטיק. דער מענטש זאָגט „אויסנאַם" און דער ווערטערבוך זאָגט „אויסנעם". דער מענטש זאָגט „דערפֿאָלג" און דער ווערטערבוך דערלאַנגט „סוקצעס". דער פּסיכאָלאָג זאָגט „אונטערבאַוווסטזײַן", און דער ווערטערבוך איז גורס „אונטערוויסיקײַט". אַ שרײַבער רעדט וועגן אַ נײַער „אויפֿלאַגע" און דער ווערטערבוך גיט „אַרויסקום".

פֿאַראַן אין דער פּרשה פֿירערליי תּלמידים (שיער ניט געזאָגט: „ארבעה בּנים"):

איין טיפּ תּלמיד נעמט טראַכטן, וואָס טוט זיך דאָ, פֿאַרוואָס זאָל זיך אַ ווערטערבוך שעמען מיטן אופֿן ווי אַזוי די וואָס קענען די שפּראַך פֿון דער היים ריידן און שרײַבן, מיט דעם ווי אַזוי די שרײַבער שרײַבן? צי לײַדן די עקספּערטן איבער ייִדיש פֿון שפֿלות־קאָמפּלעקסן לגבי דײַטש? פֿאַרוואָס אַזאַ אָבסעסיע מיט ווערטער פֿון דײַטש ווען מ'איז געקומען לערנען ייִדיש?

אַ צווייטער טיפּ תּלמיד נעמט אָן אַז די „געפּסלטע" ווערטער טויגן ניט, און מיינט אַז מיט ייִדיש איז ניט אין אָרדענונג, מ'דאַרף ערשט מאַכן דערפֿון אַ ריכטיקע שפּראַך, ד"ה, ער אָדער זי אַליין ווערט פֿאַרפּלאָנטערט מיט אַ שפֿלות־קאָמפּלעקס.

אַ דריטער טיפּ תּלמיד ווערט אַ פּאַרטיזאַנער פֿונעם ייִדיש אין ווערטערבוך און הייבט אָן זאָגן דער באָבע אַז זי טאָר מער ניט זאָגן „ס'איז אַ שאַנדע" וואָרעם שאַנדע איז אַ „דײַטשמעריזם". ענטפֿערט די באָבע: „גראַדע אַזוי זאָגן מיר".

12) ראובֿן אלקלעי, מילון עבֿרי־אנגלי שלם, הוצאת מסדה, ירושלים 1965, ז' [IV].

ענטפֿערט דער ייִדיש־תּלמיד: „גראַדע” טויג אויך ניט, אָט שטייט אין ווערטערבוך אַ גרויסער שוואַרצער ▼ וואָס באַצייכנט אַז ס׳איז „ניטדערלאָזלעך אין דער כּללשפּראַך”. „ניטדערלאָזלעך”? פֿרעגט די באָבע. דאָ רעדט זיך אַגבֿ וועגן אַ באָבע אַן אינטעליגענטקע, אַ געלערנטע, אַ פֿאַרליבטע אין ייִדיש. באַקומט זיך בײַם ווערטערבוך־פּאַטריאָט אַז די ייִדן וואָס ריידן ייִדיש פֿון דער היים, דער שרײַבער וואָס האָט אַרויסגעגעבן ביכער, אַלע ווערן געהאַלטן פֿאַר „אַלטמאָדישע דײַטשמעריסטן”. קיין חידוש ניט. וואָס אַ חלק פֿון עלטערן דור ייִדישע שרײַבער און טוער האַלטן יונגע ייִדיש־סטודענטן פֿאַר שפּראַך־פֿאַנאַטיקער וואָס ריידן און שרײַבן אַ הילצערנעם ייִדיש, ווײַט פֿון לשון פֿון פֿאָלק, אָנגעפּיקעוועט מיט קלאָץ־ווערטער וואָס מ׳האָט זיי אַרויסגעזויגן פֿון פֿינגער, אַרויסגעשאָקלט פֿון אַרבל.

דער פֿערטער טיפּ סטודענט, דער שאַרפֿזינ׳קער, באַנעמט די זאַך אַנדערש. ער זעט סאַראַ גרויס ווערק ס׳איז דער ווערטערבוך אין אַנדערע געביטן (טאַקע „געביטן” — „פֿעלדער” פּאַסט בעסער צו „די פֿעלדער און וועלדער”), און ער נעמט אָן סיי דאָס פּסלען ווערטער וואָס אַלע נוצן, סיי דאָס צוקלערן הפֿטורה־ווערטער און זיי דערלאַנגען אָן באַוואָרענישן — ווי אַ פּגם: ניט פֿון ייִדיש, ניט פֿון די וואָס ריידן ייִדיש, נאָר — פֿון ווערטערבוך.

* * *

נאָך צוואַנציק יאָר דערפֿאַרונג אַלס לערער פֿון ייִדיש („געפּרוּוו בתּורת לערער” לויט די פּוריסטן), עצה איך ניט אַז מ׳זאָל דעם ווערטערבוך ניט נוצן. פֿאַרקערט, ס׳איז אַ סימן פֿון דער גרויסקייט פֿון אוריאל ווײַנרײַכס אויפֿטו אַז זײַן ווערטערבוך מוז האָבן יעדער לערער און סטודענט פֿון ייִדיש אין די ענגליש ריידנדיקע לענדער (און אויך ווי ווײַט נאָר מעגלעך אין ניט־ענגליש ריידנדיקע לענדער). נאָר וואָס? דער לערער דאַרף געבן צו פֿאַרשטיין אַז דאָס פּסלען „דײַטשמעריזמען” און דאָס איבערגעבן אָן באַוואָרענישן „נעאָלאָגיזמען” זענען העכסט־סוביעקטיווע שטריכן וואָס געהערן אַ פּיצינקן קרײַז שפּראַך־פּוריסטן און וואָס שפּיגלען בשום אופֿן ניט אָפּ ניט די גערעדטע ייִדישע שפּראַך, ניט די ייִדישע ליטעראַטור. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער סטודענט דאַרף וואָס פֿריער אָנקומען אויך צו האַרקאַוויס דרײַשפּראַכיקן ווערטערבוך[13].

* * *

צום סוף, אַ וואָרט וועגן די וויסנשאַפֿטלעכע קאַטעגאָריעס וואָס זענען דאָ שייך. דער גרינדער פֿון דער מאָדערנער לינגוויסטיק איז געווען דער שווייצאַרישער געניע, פֿערדינאַנד דע סאָסיר וועמענס קלאַסיש ווערק איז אַרויס אין 1916, שוין נאָך זײַן טויט[14]. זײַן יסודותדיקער אויפֿטו איז זײַן אויפֿשטעלן און באַווײַזן דעם חילוק צווישן דיאַכראָניע און סינכראָניע.

די דיאַכראָניע פֿון אַ שפּראַך איז איר געשיכטע, איר אַנטוויקלונג אין גאַנג פֿון דער צײַט, אַ וויכטיקע טעמע פֿאַר לינגוויסטן, פֿילאָלאָגן, ליטעראַטור־היסטאָריקער און יעדן וואָס אינטערעסירט זיך דערמיט.

די סינכראָניע איז די שפּראַך גאַנצערהייט, ווי אַ סטרוקטור ווו איטלעכן חלק דאַרף מען באַנעמען ניט איזאָלירטערהייט, נאָר וואָדען, ווי אַ מיטגליד אין אַ סיסטעם, אין וועלכער ניט איז אײנאײנציקער תּקופֿה: ד״ה, די שפּראַך ווי אַ סטרוקטור אַ גאַנצע, אַ סטרוקטור וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר מער אײדער דער סך־הכּל פֿון די חלקים אירע.

אַ היסטאָריש ווערק איבער דער ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע דאַרף טאַקע אָנווײַזן אַז „גערעטן” איז אין ייִדיש אַרײַן פֿאַר „געלונגען”, אַז „לשון” איז אין ייִדיש עלטער אײדער „שפּראַך”, אַז

---

13) אַלכּסנדר האַרקאַווי, ייִדיש־ענגליש־העברעיִשער ווערטערבוך, ניו־יאָרק 1925, 1928 און (בײַם פֿאַרלאַג שאָקען בשותּפֿות מיטן ייִוואָ) 1988.

14) Ferdinand de Saussure. Cours de linguistique generale. Publie par Charles Bally et Albert Sechehaye, Librairie Payot: Lausanne & Paris.

„שרײַבער" אין הײַנטיקן זין איז אַרײַן אין ייִדיש ערשט אין נײַנצנטן יאָרהונדערט.

אַ מאָדערנער ווערטערבוך דאַרף אָבער אָפּשפּיגלען די הײַנטיקע סינכראָניע. הײַנט צו טאָג, אין די נײַנציקער יאָרן פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז „דערפֿאָלג" אַ ייִדיש וואָרט (ניט שייך פֿון וואַנעט ס'שטאַמט) בעת „סוקצעס" איז מער ניט אַ פֿאָרשלאַג; „באַוווּסטזיניק" איז אַ ייִדיש וואָרט בעת „וויסיק" איז אַ פֿאָרשלאַג. און אַזוי ווײַטער.

מ'זאָל דערלעבן, וועט באַלד ווערן הונדערט יאָר וואָס קײנער שלעפּט ניט קיין נײַע ווערטער פֿון דײַטש, ס'איז שוין פֿופֿציק יאָר נאָכן חורבן.

אַלע ייִדישע ווערטער זענען שוין — ייִדיש, און, ס'איז געקומען די צײַט מאַכן אַ סוף מיט דער פּרשה „דײַטשמעריש", און אָנגיין ווײַטער. מיטן גאַנצן האַרצן גלייב איך, אַז אַזוי וואָלט הײַנט געהאַלטן אויך אוריאל ווײַנרײַך.

געַנוג שוין מיטן „אַרויסוואַרפֿן" ווערטער. אין דער איצטיקער קולטור־לאַגע אונדזערער (דאַכט זיך אַז „לאַגע" טאָר מען אויך ניט זאָגן), טוט עס אָן אַ סך שאָדן. אָנשטאָט צו קעמפֿן פֿאַר ייִדיש קעמפֿט מען בדיעבֿד קעגן די וואָס ריידן און שרײַבן ייִדיש.

די ייִדישע סטיליסטיק דאַרף הײַנט זײַן אַ קוזניע, ניט קיין בוינע.

## וועגן נחמן מײַזילס לוויה

(פֿון אַ בריוו)

### • פֿון אַבֿרהם ליס

„. . . איצט נאָך אַ הערה. באַקומען און געלייענט — דעם מערץ־אַפּריל נומ. „ייִדישע קולטור" און דעם נומ. מאַי־יוני (אַגבֿ, זענען ביידע געקומען גלײַכפּאָסטלעך.) הקיצור, אין דײַן אָפּהאַנדלונג שייך דעם 25טן יאָרצײַט פֿון נחמן מײַזיל ז"ל. אַ גוטע, אַן אַרומנעמיקע אַרבעט, פֿאַרענדיקסטו מיט דעם, אַז צו דער לוויה אין קיבוץ אלונים זענען קיין ייִדישע שרײַבערס ניט געקומען. עס איז ניט, ווײַט ניט ריכטיק. מײַזיל האָט דאָ במשך די 2 יאָר געלעבט שרײַבעריש פֿול. עטלעכע חדשים פֿאַר זײַן פּטירה איז אַרויס זײַן גרויס בוך „באַראָכאָוס שפּראַך־פֿאָרשונג און ליטעראַטור־געשיכטע". איך האָב אַגבֿ שייך דעם ספֿר געהאַט אַ סך „טראָבלס". געווען אויך אַ מחלוקת צווישן זרובבֿלן און מײַזילען... ווער עס זאָל זײַן דער ערשטער צו שרײַבן די הקדמה. נו, מאַכן עס בקיצור, מ'האָט עס איבערגעגעבן צו אַ בוררות, ווו איך בין געווען איינער פֿון די וואָס האָבן עס געדאַרפֿט אויסגלעטן — און ס'איז אַרויס אַ ווערטיק בוך.

צו דער לוויה, אויף וויפֿל איך געדענק, זענען געקומען עטלעכע שרײַבערס, און פֿאַרגעס ניט אַז עס איז געווען מיט 26 יאָר צוריק. אלונים איז דעמאָלט געווען ווײַט אָפּגעלעגן פֿון שליאַך, — איינס קאָן איך עדות זאָגן, אַז איך בין געפֿאָרן צוזאַמען מיט זרובבֿלן אין אַ ספּעציעלן אויטאָ, וואָס מ'האָט אונדז געגעבן פֿון ועד הפּועל (עקזעקוטיווע) פֿון דער הסתדרות. ווי אַלע אַלטע ייִדן דערמאָן איך מיך, אַז מיט מײַזילען בין איך געווען גאַנץ אויפֿגעטראָגן, נאָך פֿון זײַנע ערשטע באַזוכן אין לאַנד.

איך געדענק גוט זײַן טאַטע־מאַמע, וועלכע איך פֿלעג טרעפֿן בײַ גיטל מײַזיל. די מאַמע האָט געטראָגן, נעבעך, אויך אין די גרויסע היצן — אַ גראָבן שייטל (אפֿשר אַ פּוד די וואָג) און דער טאַטע איז געווען אַ שטאָלצער ייִד מיט אַ געל־רויטער באָרד, און געווען גבאי ראשון אין ת"א חבֿרה קדישא. מ'האָט זיי אָפּגעגעבן גרויס כּבֿוד."

דײַן אַבֿרהם ליס

טײַערער אברהם: איך בין צופֿרידן אָפּצודרוקן דאָס וואָס דו זאָגסט מיר. איך געדענק ניט פֿון וואַנען איך האָב געקראָגן די אינפֿאָרמאַציע. מסתמא פֿון ישראל מיט אַ סך יאָרן צוריק.

א.ג.